יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 124 | Łódź, Poniedziałek, 29 maja 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ד׳ סיון תרצ״ג | № 124

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# שווארצער נצחון אין דאנציג

## 38 היטלעראווצעס; 13 סאציאליסטען; 5 קאמוניסטען; 11 צענטריסטען; 4 נאציאנאליסטען; 2 פאליאקען

דאַנציג, 28 (טעלעפאָניש)

פון באַלד אינדערפריה האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהלען די פיבערהאַפטע וואַהל-שטימונג.

איבער דער גאַנצער שטאָט האָבען זיך אַרומגעטראָגן אויטאָס מיט אַגיטאַציע-מאַטעריאַלען פון די היטלעראַווצעס.

זייערע לאָזונגען היינט זענען געווען: „צוריק צום רייך!" „יודע פערעקע!" „טאָט דעם מאַרקסיזמוס!"

דער גאַנצער שטח פון דער פרייסטאַט דאַנציג איז געווען איינגעטיילט אין 156 וואַהל-קרייזען. יעדער קרייז האָט געהאַט פון 3 ביז 6 וואַהל-ביוראָס.

אין אַלגעמיין זענען געווען סך־הכל אַנ׳ערך 500 וואַהל-ביוראָס.

10 אַ זייגער אינדערפריה האָבען זיך געעפענט די ביוראָס.

די וואַהלען האָבען זיך געענדיגט 6 אַ זייגער אין אָוונט.

די אַגיטאַציע פון די היטלעראַווצעס איז געווען אַ זעהר שטאַרקע, גבפרט אין פערגלייך מיט די אַנדערע פאַרטייען.

דאַנציג, 28 (טעלעפאָניש)

האַלב 11 אַ זייגער זענען פאַרעפנטליכט געוואָרן די רעזולטאַטן פון די וואַהלען אין 363 וואַהל-קרייזען. בסך הכל זענען אָפּגעגעבען געוואָרן 215,735 שטימען. פון דעם האָבען בע־קומען:

היטלעריסטען — 107,619; סאָציאַליסטען — 38,210; קאָמוניסטען — 14,800; צענטרום — 31,504; דייטש-נאַציאָנאַלע — 13,601; פּאָלאַקען — 6,726; יונג-דייטשען — 1,677; הויז-בעזיצער — 998.

דאָס זענען די רעזולטאַטן פון אַלע קרייזען, אָבער — נישט אָפיציעלע.

לויט די דאָזיגע אויסרעכענונגען, האָבען די היטלעראַווצעס בעקומען אַנ׳ערך 55 פּראָצענט פון אַלע שטימען.

דאַנציג, 28 (טעלעפאָניש).

לויט די ביז איצטיגע אויסרעכענונגען שטעלט זיך פאָר די פונאַנדערטיילונג פון די מאַנדאַטען אויפ׳ן פאָלגענדען אופן:

היטלעראַווצעס — 38.
סאָציאַליסטען — 13.
קאָמוניסטען — 5.
צענטרום — 11.
נאַציאָנאַליסטען — 4.
פּאָלאַקען — 2.

## „זשורנאל דע נאציאן" וועגען די וואהלען

גענף, 28 (ספ. טעל.) די גענפער צייטונגען רעדען אַרום לעבהאַפט די וואַהלען אין דאַנציג.

„זשורנאַל דע נאַציאָן" שטעלט פעסט, אַז די וואַהלען קומען פאָר אונטערן טעראָר פון די היטלעראַווצעס, און אַטאַקירט שאַרף דעם קאָמיסאַר פון דער פעלקער-ליגע, ראָסטינג, פעסטשטע־לענדיג, אַז ער טאָלערירט אונאויפהערליך די פערגוואַלטיגונג פונ׳ם סטאַטוט פון דער פרייסטאַט דאַנציג.

די צייטונג שרייבט ווייטער, אַז דער איצטיגער קאַמף גייט אָן וועגען דאַנציג, מחמת דער היטלעריסטישער סענאַט וועט נישט האָרכען קיין שום אַנדערע דירעקטיוון, ווי נאָר די יע־ניגע, וואָס וועלען אָנקומען פון בערלין.

## גרויסע זאמעל-אקציע אין ארץ-ישראל

### פאר די דייטשע יודען

ירושלים, 28 (יט״א טעלעגראַפיש).

פרייטאג איז פייערליך געעפנט געוואָרן די גער זאַמעל-אַקציע אויף צו בעזעצן דייטשע יודען אין ארץ-ישראל. די אַקציע וועט דויערן דעם גאַנצען חודש סיון.

## יודען בעזייטיגען פון הויזירער-האנדעל אין דייטשלאנד

### בעשלאסען אויף א סוחרים-קאנפערענץ

אינסבּרוק, 28 (יט״א טעלעגראַפיש).

אין דרעזדען איז געשלאָסען געוואָרען דער צוזאַמענפאָהר פון רייכספערבאַנד פון די וואַנדער־הענדלער אין דייטשלאַנד. ס׳זענען געהאַלטען גע־וואָרען אַנטיסעמיטישע רעדעס. ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען צו בעזייטיגען די יודען פון הויזירער־האַנדעל.

## אפגעשאפען די פעסער-וויזעס

### צווישען דייטשלאנד און דאנציג

בערלין, 28 (ספ. טעל.) [illegible]

די דייטשע מאַכט האָט בעכטען אָפּגעשאַפט דעם צוואַנג צו וויזירען פעסער פאַר דייטשע בירגער, וואָס פאָהרען קיין דאַנציג און צאָפּאָט.

דערמיט איז בטל געוואָרען די לעצטע שטע־רונג אין פריילען פּאַסאַזשירען־פערקעהר צווישען דאַנציג און דייטשלאַנד, וואָס דאָס איז זיכער אַ פּועל יוצא פון די היינטיגע וואַהלען אין דאַנצי־גער סענאַט.

# קויפט היינט די אפצייכנונג
## לטובת די זומער-קאלאניעס פון „טאז"

זונטאג, דעם 28-טען מאי 1933 איז נאך לאנגע שווערע ליידען געשטארבען אין עלטער פון 36 יאהר מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, שוועסטער, שוועגערין און מאַנטע

נ״ע מחלה פישער (געבוירען יאסקאוויטש)

די לויה קומט פאר היינט, מאנטאג, דעם 29-טען מאי 1933, 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, שענקעוויטשא 22, וועגען וואס עם טיילען מיט אין גרוים צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

2828

נאָך קורצע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען מיין ליבער מאַן, אונזער טייערער און אונפערגעס־ליכער פאָטער, זוהן ברודער, שוואָגער און אָנקעל

נ״ע יצחק ב״ר אברהם דוב נ״י פישער

אין עלטער פון 53 יאהר.

די לויה קומט פאָר היינט, מאָנטאָג, 12 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז נאָוואָ-זאַרזשעווסקא 2, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

צו דער חתונה פון אונזער ליבע פריינדין

פרל׳ מאניא גוטערמאן

מיט ה׳ אבראם בריז

ווינשען מיר זיי אַ הערצליכען מזל-טוב. זאָל זייער לעבענס-וועג זיין בלויז בעצירט מיט בלומען.

העלא ווינער, אנקא ציטרינאווסקא

Dr. Wajnberg

ספעציאליסט פון לונגען- הארץ- און מאגען-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02

נעמט אָן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אָוו.

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אָן שטענדיגע אויגען - קראַנקע (צוזעק אָפּעראַציע א. ז. וו.), ווי אויך אַמבולאַטאָרישעס פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אָוונד.

פאר גאלד, בריליאנטען, בישוטעריע און לאמבארד-קוויטעס

צאָהלט די העכסטע פרייזען

איזידאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7.

אלע דארפען וויסען!

צום זומער סעזאן בעקומט איהר רעשטען

פון די בעסטע קוואַליטעטען בילציגער, טאַמאַשאָ־ווער און אַנדערע נייעסטע מאָדערנסטע מוסטערן פון הערען- און דאַמען-שטאָפען

פאַר מענער אויף אַנצוגער, אויף פּאַלטאָס

פאַר דאַמען אויף פּאַלטאָס, אויף קאָסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך!

בערענקט דעם אדרעס

נור ביי

R. SZCZĘŚLIWY

5 נאוואמייסקא 5, פראנט 2, שטאק.

